ארויסגענומען פון
**ספר אוצר השבת**
ע"י הרה"ג
ר' דוד דוב מייזליש שליט"א

# אוצר השבת

## ליל הסדר

### שֻׁלְחָן עוֹרֵךְ

מען קען זאגן די טעם פון עסן אייער ביים סדר, ווייל אייער איז א עסנווארג פון אבלים - טרויער, און דאס איז א אנדענק פון טרויער אויפן חורבן בית המקדש, וואס היינטיגע צייטן קענען מיר נישט מקריב זיין די קרבן פסח, צוליב דעם איז די מנהג צו עסן אויך די צווייטע נאכט.

נאך א טעם וואס מען עסט אייער, ווייל דאס איז א אנדענק צו טרויער אויפ'ן חורבן בית המקדש, ווייל ביי יעדע צייט פון שמחה מוז מען אויך דערמאנען די חורבן בית המקדש, אזוי ווי דוד המלך ע"ה זאגט אין תהלים [קל"ז ו'] תִּדְבַּק לְשׁוֹנִי לְחִכִּי, מיין צונג זאל ווערן צוגעהעפט צו מיין גומען איך זאל נישט קענען רעדן און זינגן, אִם לֹא אֶזְכְּרֵכִי אויך איך וועל דיך די שטאט ירושלים נישט געדענקן אִם לֹא אַעֲלֶה אֶת יְרוּשָׁלִַם עַל רֹאשׁ שִׂמְחָתִי אויב איך וועל נישט ארויף ברענגן דעם געדענק פון חורבן ירושלים אויף דעם אנפאנג פון מיין שמחה.

נאך א טעם, וויבאלד די ערשטע נאכט פסח געפאלט אלעמאל אויס די זעלבע טאג ווי תשעה באב [ווי די רמז א"ת ב"ש וכו', א' פסח - ת'שעה באב, ב' פסח - ש'בועות אא"ון], און א רמז דערצו וואס עס שטייט אין פסוק [במדבר ט' י"א] עַל מַצּוֹת וּמְרֹרִים יֹאכְלֻהוּ, מצות ווייזט אויף פסח, און מרור ווייזט אויף תשעה באב, וואס ביידע געפאלט אויס אין די זעלבע טאג פון דער וואך.

הגר"א שטעלט צו, צו דעם מנהג דעם מדרש וואס איז אין איכה [ג' ט"ו] הִשְׂבִּיעַנִי בַמְּרוֹרִים הִרְוַנִי לַעֲנָה, זאגט די מדרש הִשְׂבִּיעַנִי בַמְּרוֹרִים - האסט מיך געזעטיגט מיט מרור, דאס איז אין די ערשטע נאכט פסח ווען עס שטייט 'על מצות ומרורים יאכלוהו', דאן שטייט ווייטער הִרְוַנִי לַעֲנָה - האסט מיך אנגעטרינקן מיט א ביטערע גראז, דאס איז אין די נאכט פון תשעה באב, ווייל ביידע געפאלן אויס אין די זעלבע נאכט.

טעם אז די מנהג פון עסן אייער איז אלס אנדענק צו דעם חורבן בית המקדש, איז זייער פארשטענדליך אז מען עסט דאס הערשט נאך כורך, ווייל כורך איז דאך אנדענק צו די צייט פון בית המקדש ווי הלל האט זיך דעמאלס געפירט, איז נאכדעם עסט מען דעם איי אויף טרויער פונם חורבן בית המקדש.

נאך א טעם, א אנדענק פון טרויער אז אברהם אבינו ע"ה איז נפטר געווארן ערב פסח, דערפאר עסט מען דעם איי וואס איז א עסנווארג פון אבלים.



מען קען זאגן א טעם דערצו, ווייל אין מצרים איז שוין געווען די מנהג, אז אינעם ערשטן טאג פון פסח, האבן די ערליכע אידן ווי די זקנים און אהרן און שבט לוי, איז ביי זיי געווען א טרויער טאג, ווייל אין דעם טאג האט השי"ת געמאכט דעם בונד מיט אברהם אבינו [ברית בין הבתרים] וויא עס איז דעמאלט באשטימט געווארן די גזירה פון גלות מצרים, אזוי אויך איז אין דעם טאג שרה אמינו פארכאפט געווארן דורך פרעה, און

צוליב די אלע צרות האבן די אידן אין מצרים זיך געפירט באבילות, ביז הקב"ה האט אונז געהאלפן און ארויסגענומען פון דארט און אלעס איז איבערקעקערט געווארן צו ליסטיגקייט און צו פרייד, אבער ביז דאן האבן זיי זיך געפירט מיט אבילות, און א אנדענק צו דעם עסן מיר אייער ביים סדר נאכט.

נאך א טעם, ווייל עס שטייט אין ספר חסד לאברהם [מעין ה' נהר ו'] פון החסיד רבי אברהם אזולאי זי"ע, אז היינטיגע צייטן ווען מיר זענען ליידער אין דעם ביטערן גלות איז נישט פאסיג זיך צו פרייען מיט טרינקן ווין און עסן פלייש, נאר אויב מען עסט פריער אן איי וואס איז אן אנדענק צו דעם חורבן בית המקדש, דעמאלס מעג מען עסן דערנאך פייש און ווין, צוליב דעם איידער מען גייט עסן שולחן עורך עסט מען אייער אנדענק צו דעם חורבן.

נאך א טעם, ווייל אין חודש ניסן וועלן מיר ארויסגעלייזט ווערן פון גלות, און אין פסח וועט די בית המקדש אויפגעבויט ווערן, דערפאר עסט מען אייער און מיר טרויערן אז דאס יאר איז משיח נאכנישט געקומען, און מיר קענען ליידער נישט מקריב זיין דעם קרבן פסח.

נאך א טעם, וויבאלד די איי איז א עסנווארג פאר אבלים, דערפאר עסט מען דאס ביים סדר, ווייל דאן איז מען גאר פרייליך און בשמחה, דערפאר עסט מען א עסנווארג פון אבלים מען זאל נישט צוקומען צו קיין געלעכטער וקלות ראש.

נאך א טעם, ווייל די אידן אין מצרים האבן געטרויערט אויף די גרויסע צרות וואס זיי גייען אדורך, און הקב"ה האט זיי געטרייסט אז ער וועט זיי אויסלייזן, און אייער איז א עסנווארג מיט וואס מען טרייסט די אבלים, דערפאר עסט מען אייער.

איז די כוונה וואס מען זאגט אין הגדה לְפִיכָךְ אֲנַחְנוּ חַיָּבִים לְהוֹדוֹת לְהַלֵּל לְשַׁבֵּחַ וכו' דערפאר זענען מיר פארפליכטעט צו דאנקן צו לויבן, צו ריהמען, הוֹצִיאָנוּ מֵעַבְדוּת לְחֵרוּת, ער האט אונז ארויסגעפירט פון קנעכטשאפט צו פרייהייט, מִיָּגוֹן לְשִׂמְחָה, פון טרויער צו פרייד, וּמֵאֵבֶל לְיוֹם טוֹב, - פון טרויער טעג צו א יום טוב, ווייל ביז דאן האבן די אידן געטרויעט אויף די צרות.

נאך א טעם, ווייל אלערליי געקעכטס'ץ ווי מער מען קאכט זיי אלץ ווייכער ווערן זיי, אבער די איי איז פונקט פאקערט, ווי מער מען קאכט איר אלץ הארטער ווערט זי.

זעלבע איז די כאראקטער פון א איד ווי מער דער גוי דריקט און פלאגט אים אלץ שטערנגער - הארטער ווערן מיר, אלץ מער ווערן מיר געשטארק אין די אמונה פון השי"ת און לאזן זיך נישט פערפירן, אונטערטעניגן, מיר מישן זיך נישט מיטן גוי קיינמאהל, ווי עס שטייט [במדבר כ"ג ט'] הֶן עָם לְבָדָד יִשְׁכֹּן זיי זענען א פאלק וועלכע רוהען איינזאם פאר זיך.

אויך האט פאסירט מיט די אידן אין מצרים, אזוי ווי עס שטייט אין פסוק [שמות א' י"ב] 'וְכַאֲשֶׁר יְעַנּוּ אֹתוֹ כֵּן יִרְבֶּה וְכֵן יִפְרֹץ', ווי מער מען האט זיי געפייניגט האבן זיי זיך אלס מער געשטארקט, דערפאר זענען די אידן צוגעגליכן צו אייער, און א אנדענק צו דעם עסט מען הארטע אייער ביים סדר נאכט.

נאך א טעם וואס מיר עסן אייער ביים סדר, ווייל אייער האט נישט קיין מויל, און דאס איז מרמז אז אין מצרים זענען פארשטאפט געווארן די מיילער פון די מקטריגים וואס פלעגן זאגן, אז וויבאלד די אידן זענען נישט אויסגעלייזט געווארן ביז יעצט, וועלן זיי שוין מער נישט אויסגעלייזט ווערן, און וויבאלד די אידן זענען אויסגעלייזט געווארן זענען פארשטאפט געווארן אלע זייערע מיילער אזוי ווי אן איי וואס האט נישט קיין מויל.

נאך א טעם ווייל אייער זענען רינדיג, וואס דערפאר עסן דאס די אבלים צו ווייזן אז די וועלט איז אזוי ווי א ראָד וואס דרייעט זיך, אזוי אויך זענען מיר דאס מרמז פסח ביינאכט, וואס קודם זענען די אידן געווען אונטערטעניגט, און צום סוף האט זיך די ראד איבערגעדרייעט און זיי זענען אויסגעלייזט געווארן פון קנעכטשאפט צו פרייהייט, פון טרויער צו פרייד, און פונקט ווי די צייטן פון מצרים וועט הקב"ה אויך איבערדרייען

אונזערע לאנגע גלות טעג צו פרייליכע און לעכטיגע טעג.

נאך א טעם וויל דאס קומט מרמז זיין איף וואס חז"ל זאגן [שמו"ר ה' י"ח] אז פרעה הרשע האט געוואוסט אז די אידן קומען זיך צוזאם א יעדע שבת, און זיי לערנען פון מגילות וואס שטייט דארט אז די אידן וועלן אויסגעלייזט ווערן פון מצרים, וואס פון דעם שעפן זיי חיזוק, דערפאר האט פרעה באפוילן צו מאכן שווערער די ארבעט און זיי מאכן ארבעטן אום שבת, כדי זיי זאלן נישט האבן קיין צייט זיך צו מחזק זיין און שמועסן צווישן זיך דברי התחזקות.

עסט מען אייער, וויל דאס איז א עסנווארג פון אבלים, וויל אזוי ווי אייער האבן נישט קיין מויל, אזוי אויך אן אבל ר"ל רעדט נישט, און אזוי אויך פרעה הרשע האט צוגעשפארט די מויל פון אידן, און ער האט זיי צוריקגעהאלטן פון רעדן צווישן זיך, און א אנדענק צו דעם עסט מען אייער.

דאס עסן אייער ביי די סעודה פסח ביינאכט איז א זכר צום קרבן חגיגה, וואס מען האט געגעסן פסח ביינאכט.

עסן אן איי וואס ווערט אנגערופן אויף תרגום לשון (ארמי'שע שפראך) 'ביעא', וואס ביעא איז אויך א לשון פון ווילן, וויל מיר ווילן דערמיט מרמז זיין אז השי"ת האט אונז 'געוואלט' אויסלייזן.

א רמז אויף די מנהג פון עסן אייער ביים סדר, צו מרמז זיין אויף די 'רצון' דער גוטער ווילן פון הקב"ה אונז אויסצולייזן פון מצרים מיט אן אויסגעשטרעקטן ארעם, און 'ביצה' אויף ארמי'ש ווערט אנגערופן 'ביעא', און 'בעא' א לשון פון 'רצון' ווילן.

ווארט 'ביצה' איז די אותיות ב' יוד"ן צ"ה. עס איז באקאנט אז לעתיד לבא וועט דער שם הוי' זיין מיט צווי יוד"ן 'י-ה-י-ה', אזוי ווי עס שטייט אין פסוק ביום ההוא 'יהיה' ה' אחד. וואס באטרעפט דרייסיג און מיטן שם 'א-ד-נ-י' וואס באטרעפט פינף און זעכציג איז עס צוזאמען צ"ה, פינף און ניינציג.

זענען מיר מרמז אז אזוי ווי מען איז באבילות אויפ'ן חורבן הבית, וואס דערפאר עסט מען אייער, טוהען מיר אבער אויך האפן אויף די גאולה העתידה, און מיר עסן 'ביצה', וואס דאס איז מרמז אויף די גאולה העתידה, דעמאלטס וועט זיין דער שם מיט צווי יוד"ן, און עס וועט זייןביידע שמות צוזאם צ"ה, בב"א.

נאך א טעם וויל אלע געבוירענע אין די וועלט, ווערט געפארטיגט זייער תכלית גלייך ביים ערשטן געבורט, חוץ אן איי וואס ווערט נישט געטוהן איר תכלית נאר ביים צווייטן געבורט, ווען די עוף קומט ארויס פון די איי, אזוי איז אויך געווען מיט די אידן אין מצרים, אז דעמאלס ווען זיי זענען ארויסגענומען געווארן פון מצרים, וואס דאס איז געווען אזוי ווי א נייע געבורט, אזוי ווי די פסוק זאגט [דברים ד' ל"ד] 'לָקַחַת לוֹ גוֹי מִקֶּרֶב גּוֹי' - הקב"ה האט געמאכט געבוירן א פאלק פון אן אנדער פאלק, אבער דאס איז נאכנישט געווען זייער פולן תכלית, וויל זיי האבן נאך געדארפט צו קומען צו נאך א בירור אזוי ווי עס שטייט אין כתבי האריז"ל.

לויט דעם קען מען פארשטיין די מנהג פון עסן אייער, וויל אין אזא הייליגע צייט פסח אויף דער נאכט ווערט אוודאי יעדע איד נשפע מיט א הייליגע דערלויכטענקייט, אבער אויב וואלט יעדער דערשפירט דעם ליכטיגקייט גלייך ביים אנהויב, וואלטן זיי אוודאי גלייך זיך גענומען מתקן זיין אלע זייערע מעשים, אבער באמת די ליכטיגקייט איז אין אנפאנג שטארק פארהוילן, נאר במשך הזמן ווערט עס ענפלעקט און עס פאנגט אן ווירקן אויף די מענטש, אבער די שורש הייבט זיך שוין אן גלייך אנפאנג פסח, און דאס איז צוגעגליכן צו אן איי, וואס גלייך ביים געבורט דערקענט מען נישט אויף איר קיין שום לעבעדיגע סימן, און קיין שום צייכן פון אן עוף, וויל אלעס ליגט פארהוילן טיף אינדערוועניג, נאר שפעטער קומט ארויס דערפון אן עוף.

זעלבע האט פאסירט מיט די אידן אין מצרים, אז גלייך ווען זיי זענען ארויס, איז אין זיי נולד געווארן א גרויסע כח הקדושה, אבער בפועל איז עס נאר נתגלה געווארן ביי קבלת התורה, דערפאר עסט מען אייער צו מרמז זיין אויף דעם.